# פרדס יהודה

## פניני הפרדס

## על

## ראש השנה

## שנת תשפ"ז

ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק נ"י

מיר ווינטשן אלע א כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים, בעזה"י
ווען מיר פארקויפן ד' מינים נאך צום גדליה תשפ"ז

# ראש השנה תשפ״ז

**הקדמה לראש השנה איז אחדות**

דער עיקר דארף א איד איז צו געבן א שבח והודאה פארן אויבערשטען פאר אלע חסדים וואס ער טוט מיט אונז און אלעס וואס ער טוט איז נאר פאר אונז א טובה, אפילו מיר פארשטייען נישט ווייל אלעס איז מיט א פונקליכע חשבון, איך האט געקלערט אז דאס איז פשט יושב בשמים ישחק, אז דער אויבערשטער לאכט ווען מענטשן וואונדערן פארוואס זאכן פאסירן, אבער אין הימל ווייסט מען אז דאס איז מיט א גענויער פלאן און לטובה, און ווייל דער אויבערשטער האט ליב יעדן איד דארפן מיר גייען אין זיינע דרכים און אויך ליב האבן יעדן איד, און עס שטייט אז יום תרועה מיינט א לשון פון ריעות, אחדות, דעריבער ווינטשט מען אן גלייך ר״ה ביינאכט פאר יעדן א לשנה טבה, צו ווייזן מיר האבן יעדן ליב, און אז מען וועט האבן אהבת ישראל וועט דער אויבערשטער אונז אויך ליב האבן און אונז פארשרייבן א גוט יאר. (שמח זבולון תשפ״ז)

## פנינים לראש השנה

**תשובה איז נאר מיט שמחה**

מען קען נאר מקבל זיין דעם הייליגן טאג ראש השנה נאר מיט שמחה און ישוב הדעת, ווייל דורך שמחה איז דער מוח קלאר און מען קען נאר טאן תשובה מיט א קלארע מוח. (בית אהרן לר״ה) קען מען צולייגן אז עס שטייט יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי ה׳ (תהלים קה ג) דאס מיינט אז דוד המלך זאגט א סוד אז נאר איינער וואס איז מבקשי ה׳, ער קען זיין בשמחה, און דעריבער זענען מענטשן נישט פריילאך אפילו מען האט אלעס טוב וְטוֹב, ווייל מען איז נישט מְבַקְשֵׁי ה׳, דעריבער אזא טאג ווי ר״ה דארף מען זוכן דעם אויבערשטן און אזוי וועט מען זיין בשמחה, און אז מען וועט זיין בשמחה, שטייט אין הייליגן ספר בית אהרן הנ״ל, האט מען א קלארן מוח און מען קען מקבל זיין דעם ר״ה ווי עס דארף צו זיין, און אז א איד איז בשמחה אין ר״ה, קען ער בעסער מתפלל זיין פאר א גוט יאר. (שמח זבולון תשפ״ו)

**ר״ה איז א יומא אריכתא**

וּבַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ מִקְרָא קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם וגו׳ יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם: (במדבר כט א) צו פארשטיין פארוואס שטייט בַ׳חֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְ׳אֶחָד לַחֹדֶשׁ, צוויי מאל דער אות ב׳ בַ׳חֹדֶשׁ און בְ׳אֶחָד און עס שטייט נישט בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי? נאר די תורה איז מרמז וואס די גמ׳ זאגט אז די צוויי טעג ר״ה איז איין לאנגע טאג, דאס מיינט בַ׳חֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי, די צווייטער טאג פון חודש השביעי איז בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ, איז איין טאג. און מען קען זאגן א שיינע רמז, מִקְרָא קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם, און יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם איז בגימ׳ צוויי מאל ראֹ״ש השנ״ה, אזביידע טעג איז איינס און ביידע האבן דעם חיוב פון יוֹם תְּרוּעָה און מִקְרָא קֹדֶשׁ. (צבי לצדיק בלאזוב)

**אוכלין תפוח בדבש** תפוח איז בגימטריא פר״ו ורב״ו. דבש איז בגימטריא **אש״ה**. צו מרמז זיין וואס עס שטייט און ספרים אז אין ראש השנה איז א סגולה אז עקרות זאלן געהאלפן ווערן מיט קינדער (אמרי נועם ח״ב ליקוטים) נאך א טעם: ווייל דב״ש = 406, איז בגימטריא א״ב הרחמ״ן 406, דעריבער זאל מען אריין לייגן די האניג אין מויל פאר די חלה. (ר׳ פנחס מקאריץ) דב״ש איז אויך גימט׳ צורי. און אויך גימט׳ כפור, ווייל דעם חודש איז דער באשעפער: צורי, מוחל אונזערע עוונות: כפור, איז וועגן דעם טונקט מען איין חלה אין דבש ביז נאך די עבודה פון שמחת תורה, ווייל אלעס איז געבונדן אין דעם אתה הראת פון שמחת תורה. ווי עס שטייט אין ספרים הק׳ אז די גאנצע עבודה פון ר״ה יו״כ און סוכות איז כדי צו קומען צו אתה הראת. (שמח זבולון)

**חטא איז בגימטריא חטא**

עס שטייט אז מען עסט נישט קיין אגוזים אין ר״ה ווייל אגו״ז איז בגימטריא חטא (פוסקים) זאגט דער הייליגער ר׳ מנחם מנדל מקאצק זיע״א

אז מען זאל נישט פארגעסן אז חטא איז אויך בגימטריא חטא און מען זאל זיין נזהר אויך פון חטא. (אות אמת)

**שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה.**

די ראשי תיבות פון 'שופר", איז שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה ר'אשׁ וְ'לַעֲנָה. דאס מיינט אפילו א מענטש איז שוין אזוי ווייט אריין געפאלן צו די סטרא אחרא, פונדעסט וועגן דורך די שופר קען מען צוריק דערהויבן ווערן. (הרה״ק מפרשיסחא)

**דורך שופר ווערט רחמים**

עָלָה אֱלֹקִים בִּתְרוּעָה ה' בְּקוֹל שׁוֹפָר: (תהלים מז ו) אֱלֹקִים איז מדת הדין, אבער דורך תקיעת שופר גייט אוועק די מדת הדין און דורך שׁוֹפָר קומט הוי', מדת הרחמים, דאס מיינט אז דער אויבערשטער זיצט דאך אויפ'ן כסא הדין און שטייט אויף יעצט דורכן שופר פון כסא הדין און זיצט אויף כסא הרחמים, דאס מיינט עָלָה אֱלֹקִים, מדת הדין גייט אוועק, בִּתְרוּעָה: און ווערט ה' מדת הרחמים, בְּקוֹל שׁוֹפָר, דורך שופר. (בית אהרן נצבים)

**התפלה בר״ה שיתגדל ויתקדש שמיה רבא**

דער עיקר התפלה אין ימים נוראים איז שיתגדל ויתקדש שמיה רבא אזוי שטייט אין תקוני זוהר תיקון ו' און אויך אז דער כסא זאל זיין גאנץ. דער הייליגע מהרש״א איז מסביר דעם פסוק: כי בחר ה' בציון אוה למושב לו (תהלים קל״ב י״ג) או״ה איז די אותיות א' פון כסא, און ו״ה פון שם הוי', אזוי ווי עס שטייט אין סוף פרשת בשלח: כי יד על כס י״ה וואס דורך עמלק פעלט א א' פון כסא ווערט כס, און ו״ה פון הוי' וואס ווערט י״ה, און עמידה איז א לשון פון תפילה אזוי ווי חז״ל זאגן (ברכות כו.) פון פסוק ויעמוד פנחס ויפלל: (תהלים קו' ל') און דאס מיינט דער פסוק אך אם יו״ם או יומים יעמו״ד, אויב א מענטש איז מתפלל נאר אין די הייליגע טעג, איז לא יוקם, ווערט דער אויבערשטער נישט נקמה נעמען, נאר בתנאי כי כספו הוא: דער עיקר איז מען זאל גלוסטן אויף די אותיות – הו״א– וואס דורך אונזערע חטאים איז כסא און הוי' געווארן כ״ס און י״ה, וואס דער אויבערשטן'ס נאמען ווערט ווערט גרויס, וועט זיין כס״א און הוי'. (ויגד יעקב פאפא)

**יום הדין חודש תשרי**

בראש השנה כל באי עולם עוברין לפניו כבני מרון (ר״ה פ״א מ״ב) דארף מען פארשטיין פארוואס האט מען קובע געווען חודש תשרי אלץ א יום הדין און נישט א אנדערע חודש? נאר דאס איז לטובת די אידן ווייל פאר חודש תשרי איז די צייט וואס מען זאמעלט איין די פירות און מען גיט צו די עניים לקט שכחה ופאה, און ווען דער אויבערשטער זיצט צו דן זיין די וועלט איז ער דעמאלטס דַן די אידן במדת הרחמים ווייל די כח פון מתנת עניים איז מהפך מדת הדין צו רחמים. (פרשת דרכים למשנה למלך)

**כתבנו "בספר" חיים טובים**

פרעגט דער הייליגער תפארת שלמה פארוואס דארף מען בעטן כתבנו בספר חיים טובים, כתבנו בספר פרנסה וכלכלה ווען עס וואלט געווען גענוג מען זאל בעטן כתבנו לחיים טובים, כתבנו לפרנסה וכלכלה וואס עפעס לייגט מען צו "בספר"? נאר מיר בעטן, אז ווען מיר וועלן זוכה זיין צו האבן א חיים טובים, א גוטן לעבן, און פרנסה וכלכלה, מיט פרנסה בריוח, זאל מען אויך אריינקוקן און לערנען אין א אידישן ספר. (תפארת שלמה)

**דרוש דורך תשובה ווערט מען געהאלפן**

שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ: (הושע יד ב) איז בגימ' הוֹשַׁע עַבְדְּךָ אַתָּה אֱלֹקַי הַבּוֹטֵחַ אֵלֶיךָ (תהלים פו ב) ביידע זענען די מספר 1020, מען קען זאגן וואס איז די שייכות פון תשובה טאהן און ברקומען א ישועה? נאר כדי צו קענען האבן די ריכטיגע בטחון אין אויבערשטן, מוז מען זיין נאנט צו אים, אבער עבירות מאכן א מָסָךְ און האקט אפ און מאכט א שוואכקייט אין בטחון, דעריבער

דארף מען תשובה טאן, און אזוי וועט דער מענטש ווערן א בּוֹטֵחַ אֵלֶיךָ, און מיט בטחון איז, הוֹשַׁע עַבְדְּךָ אַתָּה אֱלֹקַי, טוט אים דער אויבערשטער העלפן, דאס איז דער רמז אין דעם גימט׳ פון די הפטורה פון שבת שובה. (שמח זבולון תשפ״ו)

**ערב ר״ה איז מוכשר אויף תשובה טאן**

ערב ראש השנה איז א צייט וואס איז מוכשר צו תשובה טאן אויף אלע טעג פון יאר וואס מען האט געזינדיגט, ווייל די גמרא (ר״ה י:) זאגט: איין טאג פון יאר, ווערט גערעכנט ווי א גאנץ יאר, און א טייל פון א טאג ווערט גערעכנט ווי א גאנצן טאג, דעריבער אויב מען טוט תשובה דעם לעצטן טאג פון יאהר איז גלייך ווי מען וואלט תשובה געטאן א גאנץ יאהר. (חידושי הרי״ם)

**די זינד קענען אנקומען ביז איבערן קאפ**

דער הייליגער עטרת יהושע פון דזיקוב זצוק״ל האט דערציילט: אמאהל איז ער געווען אין ווין, און האט געזעהן א גאסן קערער רייניגט די גאסן, האט ער אים געפרעגט, ״פארוואס דארף מען קערן, ווען אין א קורצע צייט ווערט דאך די גאס ווייטער שמוציג? האט ער געענטפערט: הער ראבינער! ווען מיר וואלטן נישט אויסגעקערט די גאסן יעדן שטיק צייט, וואלט די שמוץ אנגעקומען איבערן קאפ!, האט רבי געזאגט דער נמשל איז כאטש נאכן תשובה טאן קערן מיר זיך ליידער צוריק צום אלטן זינד, פונדעסטוועגן זאל א איד זיך נישט צוריק האלטן פון תשובה טאן, ווייל אויב נישט וועלן די זינד אנקומען איבערן קאפ, און זיין זייער שווער דאס פארעכטן. (עטרת יהושע דזיקוב)

**גוט צו אלעמען**

מיר זאגן אין פייט ״הטוב ומטיב לרעים ולטובים״ דארף מען פארשטיין אז דער אויבערשטער איז א מטיב פאר די רעים שלעכטע איז ער אוודאי א מטיב פאר די טובים, איז פארוואס דארף מען דערמאנען ״ולטובים״? נאר מען קען זאגן אזוי: ״לרעים״, מיינט פאר די וואס ווייסן אז זיי זענען רעים און זינדיג, איז נישט נאר פאר אזעלכע איז דער אויבערשטער גוט, נאר אפילו ״לטובים״ מיינט די וואס האלטן זיך אז זיי זענען טובים, זיי ווייסן גארנישט אז זיי זענען רעים, פאר זיי איז דער אויבערשטער אויך גוט. (הרה״ק רבי צבי הירש מזידיטשויב)

**א עצה אויף א גוט יאר**

ר״ה ביינאכט נאכן דאווענען וואונטשט מען פאר א טאטע זיידע חבירים א לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים, און פאר א מאמע, באבע, און שוועסטער, זאגט מען א לשון נקיבה, לשנה טובה תכתבי ותחתמי לאלתר לחיים. און עס שטייט אז עס זענען דא צוויי מלאכים וואס באגלייטן דעם מענטש ראש השנה ביינאכט, און די מלאכים הערן ווי מען וואונטשט איינער פארן צווייטן מיט א ריין הארץ, און זיי גייען ארויף אין הימל אויסבעטן פארן מענטש א שנה טובה ומתוקה. (צמח צדיק וויזניץ)

**וויסן דעם תכלית פון ראש השנה**

מי לא נפקד כהיום הזה: (תפלת מוסף לר״ה) עס איז נישטא א צייט ווי די הייליגע טעג פון ר״ח אלול ביז נאך יום כיפור וואס יעדער איד באקומט א מתנה פון הימל וואס דערוועקט אין אים א חרטה אויף וואס ער האט געטאן, און א קבלה טובה אויף ווייטער זיך אויף צופירן אין א ערליכן אידישן וועג. איך האב געזען א משל וואס גיט ארויס ווי א איד דארף טראכטן די טעג ווען מען שטייט גרייט זיך צו מקבל זיין הנהגות טובות און בכלל וואס איז די תכלית פון ראש השנה:

**ערשטנס איז מקבל זיין מיט א אמת:**

עס איז געווען א אידישע סוחר וואס האט געדארפט פארן א ווייטע וועג צו מאכן א גאר גרויסע געשעפט, און אין מיטן וועג שטייט פאר אים א שמאלע בריק וואס ער וועט מוזן גיין אויף דעם כדי אנצוקומען צו זיין פלאץ, דער סוחר טראכט וואס זאל ער טאן ווייל דער בריק איז

געוועזן זייער שמאל, ווער דאס געוועזן שווער אריבער צו גיין, אבער ער מוז דאך אבער גיין אויב ער וויל אנקומען און מאכן דעם געשעפט! און ער שטעלט זיך אויף א זייט און איז מתפלל פארן אויבערשטן און איז מקבל אויף זיך, אויב ער וועט דורכגיין דעם בריק בשלום, וועט ער מוסיף זיין צו לערנען יעדן טאג מיט א שעה, און וועט דאווענען מיט מער מער כוונה, און מיט די קבלות גייט ער ארויף אויפן בריק מיט שרעק אבער ער שטארקט זיך אז אין זכות פון זיינע תפילות און קבלות טובות וועט אים דער אויבערשטער זיכער העלפן דורכגיין בשלום, און אזוי גייענדיג אויפן בריק זעט ער אז עס נישט אזוי שמאל ווי ער האט געמיינט, און ער הויבט אן טראכטן פון די אלע קבלות וואס ער האט מקבל געוועזן, אז עס וועט זיין גענוג נאר מוסיף זיין א האלבע שעה יעדן טאג און אויך דאווענען נאר א ביסל מער מכוון זיין, אבער נישט וויפיל ער האט מקבל געוועזן פריערט, און אזוי גייט ער אדורך דעם שמאלע בריק בשלום, און ער זעט אז עס איז בכלל נישט געוועזן שווער און ער האט חרטה אויף די קבלות וואס ער האט מקבל געוועזן!

דאס זעלבע איז ביי א מענטש: פאר ראש השנה וויל מען אז דער אויבערשטער זאל שענקען א גוט יאהר און דער פחד און שרעק פון דורכגיין דעם שווערע יום הדין איז גרויס, אזוי ווי מען זאגט אין ונתנה תוקף, וחיל ורעדה יאחזון, עס כאפט א שרעק פון יום הדין, און מען איז מתפלל און מען איז מקבל אסאך קבלות און הנהגות טובות, אז אין דעם זכות זאל דער אויבערשטער העלפן דורכגיין בשלום, און אזוי גייט אריבער דעם יום כיפור און מען זעט אז עס נישט אזוי געפערלאך ווי מען האט געמיינט, און ער הויבט אן חרטה האבן אויף די אלע קבלות וואס ער האט מקבל געוועזן, און טראכט אז עס איז גענוג צו מוסיף זיין נאר אביסל, און אזוי גייט אריבער דער הייליגער חודש און מען גייט צוריק צו די נארמאלע סדר, און מען זעט אז עס איז בכלל נישט געוועזן א שווערע דורכגאנג, און מען האט איינגאנצן חרטה אויף די אלע קבלות וואס מען האט מקבל געוועזן! אבער דער ערליכער איד ווייסט אז דער אויבערשטער איז א יודע מחשבות, און געדענקט גוט די אלע קבלות וואס מען האט מקבל געוועזן, און ער וויל אז מען זאל איינהאלטן די קבלות כדי דער מענטש זאל האבן א גוט יאר, ווייל מען קען נישט אפנארן דעם אויבערשטן, אזוי ווי דער הייליגער בית אהרן פון קארלין זיע״א שרייבט אין ספר ״לייט -מענטשן- קען מען נארן, **אבער ג-ט קען מען נישט נארן**״!

**תשובה ותפלה וצדקה.**

דארף מען פארשטיין פארוואס קודם זאגט מען ותשובה ותפלה, און נאכדעם זאגט מען וצדקה? נאר מען קען זאגן לויט וואס רש״י שרייבט אין פרשת עקב אויפן פסוק ולא יקח שוחד, אז אויב מען דינט נישט דעם אויבערשטן, איז נישטא אזא זאך אז מען קען אים איבערבעטן מיט געלט, ווייל נאר תשובה נוצט קעגן עבירות. קומט אויס, אז אויב מען טוט נישט קיין תשובה, וועט הקב״ה נישט מוחל זיין פארן מענטש צוליב די צדקה וואס ער גיט, אבער אז מען טוט תשובה און מען איז מתפלל אז השי״ת זאל אים מוחל זיין, דעמאלט קען די צדקה אויך אויפטאן, אזוי ווי עס שטייט אין מס׳ (בבא בתרא דף י׳.) אז צדקה איז מקרב די גאולה, דעריבער זאגט מען פריערט ותשובה ותפלה, און נאכדעם וצדקה, ווייל נאר נאך תשובה און תפלה, נוצט צדקה, אבער צדקה אָן תשובה העלפט נישט.(דברי יואל סאטמאר ר״ה)

**מען דארף וויסן דער תכלית פון ר״ה**

ראשו השנה איז א טאג וואס מען קען דערגרייכן א שטארקן נאנטקייט מיטן הייליגן באשעפער און שטייגן אין עבודת ה׳ דורך תשובה טאהן ביים דאווענען און אויך ביי תקיעת שופר אזוי ווי עס שטייט אין הייליגן ספר בית אהרן, אז דער עיקר פון די תקיעות איז טאן תשובה!

און פאר די וואס דער עיקר ר״ה איז די שיינע חזנים מיט די קאפעלי׳, איז דא די באוואוסטער משל אויף דעם: עס איז געוועזן א בעל עגלה וואס פלעגט האבן פרנסה פון פירן מענטשן, איינמאל

האט אים דער פריץ באשטעלט אויף א לאנגע נסיעה און דער בעל עגלה האט זיך געפרייט אז ער וועט יעצט האבן שיין פרנסה פון דעם נסיעה, און דער פריץ הייסט אים פארן אין א ווייטע שטאט, און ווען זיי קומען אן אין יענעם שטאט הייסט אים דער פריץ צופארן צו א געשעפט וואס פארקויפט פייגלאך, און דער בעל עגלה איז געווען נייגעריג פארוואס דארף דער פריץ פארן אזוי ווייט צו קויפן א פייגל בשעת ער קען קויפן אין זיין שטאט וויפיל פייגלאך ער וויל!

און דער בעל עגלה גייט אריין און קוקט וואס פאר א פייגל גייט דער פריץ קויפן! און דער פריץ באווייזט פארן אייגנטימער אויף א פייגל און ער גיט דאס אים אין א קליין קאסטן, און דער פריץ פרעגט וויפיל דארף ער באצאלן פאר דעם פייגל? ענטפערט ער 100 רובל. דער בעל עגלה ווערט נשתומם און קען נישט צוקומען צו זיך! 100 רובל איז א פארמעגן, און דער פריץ איז געקומען אזוי ווייט צו קויפן אזא פייגל, מוז מען זאגן אז דער פייגל האט א טעם וואס איז ווערט 100 רובל. דער פריץ הייסט אים אהיים פאהרן און דער פריץ פריידט זיך מיטן פייגל וואס ער האט געקויפט און דער בעל עגלה וואונדערט זיך, ער האט אבער נישט די העזה צו פרעגן דעם פריץ וועגן דעם פייגל. דער בעל עגלה קומט אהיים און דערציילט זיין ווייב וועגן די נסיעה און וועגן די פייגל וואס דער פריץ האט געקויפט פאר 100 רובל. און זיין ווייב וואונדערט זיך אויך, אבער ער באט מחליט געווען ער מוז דאס האבן און פארזוכן דעם געשמאקן טעם פון יענע פויגל, און זאגט זיין ווייב אז מיר האבן 50 רובל אוועקגעלייגט, און מען וועט פארקויפן אפאר זאכן פון שטוב און מען וועט האבן די 100 רובל, און אזוי טוט ער, און דער בעל עגלה נעמט זיך פאהרן די ווייטע נסיעה און פריידט זיך אז ער וועט זוכה זיין צו א געשמאקע עסן אזוי ווי דער פריץ. ער קומט אין יענעם שטאט און גייט צו יענעם געשעפט און בעט פאר דעם זעלבן פייגל וואס דער פריץ האט געקויפט און צאלט די 100 רובל, און פאהרט אהיים! קומענדיג אהיים זעט די ווייב א מאגערע פייגל און זי וואונדערט זיך וואס פאר א גוט יאר וועט מען האבן פון אזא קליין עוף? אבער אז מען צאלט פאר דעם 100 רובל מן הסתם האט דאס א טעם פון גן עדן. זי נעמט דעם עוף און גייט צום שוחט און גרייט דאס אן צו קאכן, מען גרייט א טיש און מען צוטיילט דעם פייגל פאר די מאן און די ווייב און מען נעמט דאס אריין אין מויל און עס איז גאר ביטער און מען קען עס נישט עסן. דער בעל עגלה זינקט זיך איין פון בושה פאר זיין ווייב און ער זעט אז ער האט אוועקגעווארפן א פארמעגן פון געלט און צייט צו פארן קויפן דעם פייגל! ער ווערט צומישט בי זיך און גייט פרעגן דער פריץ וועגן דעם פייגל וואס ער האט אויסגעגעבן 100 רובל פאר א פייגל וואס האט גארנישט קיין טעם? לאכט אים אפ דער פריץ און זאגט: דער פייגל איז נישט אויף צו עסן און נעמט אים אריין אין זיין צימער און ווייזט די חכמה פון דעם פייגל ווי דאס זינגט און פליט ארום מיט אינטרעסאנטקייט, עס איז א וואונדער פויגל און פארדעם פאהרט מען ווייט און מען קויפט דאס פאר 100 רובל! ווייל א פייגל אויף צו עסן איז דא גענוג ביי אונז אין שטאט! דער נמשל איז אז מען דארף פארשטיין די גרויסקייט פון ראש השנה וואס מען קען ארויסנעמען פון דעם העכערקייט און א נאנטקייט צום אויבערשטן, ווייל צו שיינע זאכן קען מען א גאנץ יאר!

**וועט איז דער אויבערשטער דַן מענטשן ר״ה?**

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל: טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וגו׳ לְעָבְרְךָ בִּבְרִית ה׳ אֱלֹקֶיךָ: (כט ט–י״א) פרעגן אלע אז עס שטייט אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם, מיינט דאס אז אלע שטייען, פארוואס דארף די תורה אויסרעכענען רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וְגֵרְךָ? אויך פארוואס פירט אויס די פסוק נאכאמאל כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס עס שטייט (מס׳ ר״ה) **בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, כָּל בָּאֵי הָעוֹלָם עוֹבְרִין לְפָנָיו כִּבְנֵי מָרוֹן, שֶׁנֶּאֱמַר** (תהלים לג, טו) ״הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם הַמֵּבִין

אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם״. אלע גייען דורך ווי שאף, זאגט די גמ׳ (ר״ה י״ח ע״א) וכולן נסקרין בסקירה אחת, דער אויבערשטער גיט איין בליק אויף די גאנצע וועלט און נאכדעם קוקט ער אריין ביי יעדער איינער באזונדער, פרעגן אלע אויב דער אויבערשטער קוקט שוין בסקירה אחת, פארוואס דארף יעדער איינער דורכגיין נאכאמאל באזונדער? נאר עס שטייט פון הייליגן אריז״ל אז ווען עס קומט צו א מענטש פלוצלונג אין ר״ה א התעוררות צו תשובה טאהן און ער הויבט אן וויינען, זאל ער וויסן אז מען איז אים יעצט דַן, און ער זאל תשובה טאן באמת, וועט דער אויבערשטער אים דן זיין לויט יעצט נאכן תשובה ע״כ, און דאס איז א גרויסער חסד פון אויבערשטן צו מעורר זיין א מענטש צו תשובה, דאס מיינט, אפילו דער אויבערשטער איז דַן בסקירה אחת, אבער ער טוט א חסד און איז דַן יעדער איינעם באזונדער און גיט אים א התעוררות צו תשובה טאן אז זייער דין זאל ארויסגיין לטוב, לויט דעם איז גוט אונזערע פסוקים, ווייל הַיּוֹם מיינט ר״ה כידוע, אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם, דער אויבערשטער איז דַן די גאנצע וועלט בסקירה אחת, אבער ער טוט אויך א חסד אז רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם, אלע ווערן אויך געמשפט יעדער איינער באזונדער כדי זיי זאלן נתעורר ווערן צו תשובה טאהן, דעריבער שטייט נאכאמאל כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל, און דער פסוק פירט אויס פארוואס טוט דאס דער אויבערשטער? ווייל לְעָבְרְךָ בִּבְרִית ה׳ אֱלֹקֶיךָ, כדי מען זאל אריינגיין אין ברית פון אויבערשטן און תשובה טאהן, און אזוי ארויסגיין זכאי בדין. (משאת משה הגה״ק ר׳ שלום משה אונגאר מנייטרא)

## דרשה פון חתם סופר אז עס טוט וויי אין ראש השנה איז דאס גוט

שטייט אין (נחמיה ח׳ י׳) אז עזרא הסופר האט אין ראש השנה פארגעליינט די תורה, און דער פאלק איז געווארן זייער דעשראקן און טרויעריג, ווייל זיי האבן נישט געהאלטן אסאך מצוֹת וואס שטייט אין פסוק. האט זיי עזרא הסופר געזאגט (שם) ״לְכוּ אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים וְשִׁלְחוּ מָנוֹת לְאֵין נָכוֹן לוֹ, (די גמרא ביצה ריש פ״ב דרשנט דאס אויף די וואס האבן נישט געהאט געמאכט קיין עירוב תבשילין) כִּי קָדוֹשׁ הַיּוֹם לַאֲדֹנֵינוּ וְאַל תֵּעָצֵבוּ כִּי חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם.״ דער הייליגער חתם סופר איז מסביר די כוונה פון פסוק. מען רופט אן די טעג ״די הייליגע טעג״, די מקור איז טאקע פון עזרא הסופר וואס האט געזאגט קָדוֹשׁ הַיּוֹם, (ווייל היום מיינט ראש השנה) אבער מען קען צולייגען א טעם צו דעם ווייל א גאנץ חודש אֱלוּל איז יְמֵי רָצוֹן, און ר״ה אליין איז יְמֵי הַדִּין, ווערט אֱלוּל מיט ר״ה –״רָצוֹן״ און ״דִּין״–, און ביידע זענען בגימט׳ קָדוֹ״שׁ. און דאס שטייט אין פסוק (תהלים י״ד ז׳) ״מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב ה׳ שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל:״, ווען עס קומט די הייליגע טעג, און דער אויבערשטער איז מעורר די אידן צו תשובה טאהן, קען דער שטן מקטרג זיין אז די אידן באמת האלטן נישט ביי תשובה טאן, נאר ווייל דער אויבערשטער איז זיי מעורר תשובה טאן, איז די עצה צודעם: אז מען זאל זיך פרייען אין די טעג אז מיר קענען תשובה טאן, וועט דער שטן נישט האבן קיין טענה, ווייל מען טוט תשובה מיט חשק. דאס איז פשט אין פסוק מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל: ווי אזוי קען דער אויבערשטער געבן א ישועה פאר די אידן? ״בְּשׁוּב ה׳ שְׁבוּת עַמּוֹ״, אז דער אויבערשטער איז מעורר מען זאל תשובה טאן, איי קען דאך דער שטן מקטרג זיין אז באמת ווילן זיי נישט תשובה טאן! זאגט די פסוק ווייטער ״יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל״, אז די אידן פרייען זיך אז זיי קענען תשובה טאן, קען דער שטן נישט האבן קיין טענות. דאס איז פשט וואס עזרא הסופר זאגט: וְאַל תֵּעָצֵבוּ כִּי חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם, די אידן זאלן זיך פרייען ווען זיי טוהען תשובה און נישט זיין טרויעריג, וועט דער שטן נישט האבן א טענה, דאס שטייט ״חֶדְוַת ה׳״ אז איר וועט זיך פרייען ביים תשובה, ״הִיא מָעֻזְּכֶם״ דאס וועט אייך שטארקן פון קיטרוג

השטן. מען קען דאס מסביר זיין מיט א משל, צו איינער וואס איז געווען ל״ע קראנק, אבער ער שפירט נישט זיין קרענק אבער שפעטער האט ער אנגעהויבן דאס צו שפירן, האט ער געשריגן צום דאקטאר אז עס טוט אים וויי. האט אים דער דאקטאר ערקלערט, פריי זיך, ווייל יעצט וועסטו קענען ווערן בעסער, דאס זעלבע האט עזרא הסופר געזאגט, קודם האט מען זיך געפרייט ווייל מען האט גארנישט געשפירט אז עפעס פעלט, אבער ווען ער האט געליינט די תורה האבן זיי מרגיש געווען אז עס פילט זיך נישט גוט, האבן זיי אנגעהויבן צו וויינען. האט זיי עזרא הסופר געזאגט, טאקע ווייל איר שפירט שוין אז עס פעלט אייך, וועט איר קענען גיין אין דער ריכטיגן וועג, דעריבער זאל מען זיין בשמחה.

(שמח זבולון לביאור דברי החת״ם סופר)

**דרוש לתשובה לימי הדין**

שטייט אין גמ׳ (יבמות דף סג א) א״ר אלעזר בר אבינא אֵין פורענות באה לעולם אלא בשביל ישראל, אויב עס איז דא א אומגליק ערגעץ אין די וועלט ביי די גויים, איז דאס א ווארענונג פאר כלל ישראל, אזוי ווי עס שטייט: הִכְרַתִּי גוֹיִם נָשַׁמּוּ פִּנּוֹתָם הֶחֱרַבְתִּי חוּצוֹתָם מִבְּלִי עוֹבֵר נִצְדּוּ עָרֵיהֶם מִבְּלִי אִישׁ מֵאֵין יוֹשֵׁב (צפניה ג, ו) אז דער אויבערשטער האט חרוב געמאכט די שטעט פון די פעלקער און קיינער וואוינט נישט דארטן ווייל: אָמַרְתִּי אַךְ תִּירְאִי אוֹתִי תִּקְחִי מוּסָר וְלֹא יִכָּרֵת מְעוֹנָהּ כֹּל אֲשֶׁר פָּקַדְתִּי עָלֶיהָ אָכֵן הִשְׁכִּימוּ הִשְׁחִיתוּ כֹּל עֲלִילוֹתָם: (שם ז) איז רש״י מסביר איך האב געברענגט פורענות אויף די פעלקער, נאר אז די אידן זאלן מורא האבן פון מיר, אזוי ווי עס שטייט ווייטער אָמַרְתִּי אַךְ תִּירְאִי אוֹתִי תִּקְחִי מוּסָר, איר זאלט נעמען מוסר און תשובה טאהן, איז מסביר דער הייליגער חת״ם סופר אויב כלל ישראל ווערן באקוועם און מיינען אז די וועלט פירט זיך מיט די טבע, ווייזט זיי דער אויבערשטער אז עס איז נישט געפירט מיט טבע, און ער שיקט פורעניות אויף די גויים כדי די אידן זאלן זיך אויפוועקן און תשובה טאהן, אבער אויב נאך די פורעניות אויף די גויים, העלפט דאס נישט פאר כלל ישראל תשובה טאהן, דעמאלטס חלילה מוז די פורעניות קומען אויף כלל ישראל ביז זיי וועלן תשובה טאן, דעריבער דארף מען תשובה טאהן פאר די פורעניות וועלן קומען, און דער הייליגער חת״ם סופר גיט א משל: עס איז געווען א מלמד וואס פלעגט אריינברענגען א אהבה פון די תלמידים צו אים, און אזוי האט ער זיי נישט געדארפט שטראפן, ווייל ער פלעגט זאגן אויב די קינדער וועלן נישט לערנען, וועט ער מוזן ארויס שפרינגען פון פענצטער, און אויב זיי וועלן זיך נישט אויפירן גוט, וועט ער מוזן געבן א פאטש פאר זיך, און ווייל די קינדער האבן ליב געהאט זייער מלמד און האבן נישט געוועלט אז ער זאל האבן צער וועגן זיי, זענען זיי געווען גוטע תלמידים, ויהי היום איז געווען א פאר קינדער וואס זענען געווען מחוצפים און האבן געזאגט דעם מלמד, אדרבה זאל דער רבי ארויס שפרינגן פון פענצטער, און מיר וועלן זיין פריי! האט דעמאלטס דער מלמד געמוזט שטראפן די קינדער, ווייל זיי האבן זיך נישט געוואלט אפלערנען די חכמה פון זייער מלמד, דאס איז מיט כלל ישראל אויך, אויב זיי לערנען זיך נישט אפ פון די פורעניות וואס קומט אויף די פעלקער עכ״ד החת״ם סופר, מיט דעם שטימט שטארק א ווארט פון הייליגן **באר שמואל** פון הגה״צ מאונסדארף זצ״ל אויף מועדים, וואס טייטשט וואס מיר בעטן אין ר״ה: מְלוֹךְ עַל כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בִּכְבוֹדֶךָ וְהִנָּשֵׂא עַל כָּל הָאָרֶץ בִּיקָרֶךָ וְהוֹפַע בַּהֲדַר גְּאוֹן עֻזֶּךָ, עַל כָּל יוֹשְׁבֵי תֵבֵל אַרְצֶךָ וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ, וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ וְיֹאמַר כָּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְאַפּוֹ. ה׳ אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה, זאגט ער אז מיר בעטן אז דער אויבערשטער זאל חלילה נישט שיקן פורעניות אויף די וועלט און גיין ביד חזקה כדי צו ווייזן זיין מלכות, נאר מְלוֹךְ עַל כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ "בִּכְבוֹדֶךָ", זאל זיין מיט כבוד, וְהִנָּשֵׂא עַל כָּל הָאָרֶץ "בִּיקָרֶךָ", דיין נאמען זאל זיין טייער ביי די

וועלט, און פיהרן מיט נחת, וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ, אז מען זאל פארשטיין און וויסן עס זאל זיין ה׳ אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה. עכ״ד הבאר שמואל, קען מען זאגן פשט אז די תפילה איז אז כלל ישראל זאלן תשובה טאן און זיך אויפירן גוט ווען דער אויבערשטער פירט די וועלט בנחת ובכבוד, ממילא וועט מען נישט דארפן אנקומען צו פורעניות אויף די גוים און אוודאי נישט אויף כלל ישראל, ווייל צֶדֶק וּמִשְׁפָּט מְכוֹן כִּסְאֶךָ דער אויבערשטער טוט אלעס מיט גערעכטיגקייט, חֶסֶד וֶאֱמֶת יְקַדְּמוּ פָּנֶיךָ, אויב מיר וועלן זיין גוט, וועט זיין חסדים פאר כלל ישראל. (שמח זבולון תשפ״ד)

**ביאור וואס איז דער עיקר מצות תקיעת שופר**

מקור: די תורה רופט אן ראש השנה יום תרועה וואס דאס איז די עיקר מצות היום. אין די גמרא מס׳ ר״ה שטייט אז די אויבעשטער האט געהייסען בלאזען מיט א שופר פון א איל כדאי ער זאל געדענקען עקידת יצחק וואס מ׳האט שפעטער געמאכט דארט די איל אנשטאט יצחק אבינו, וואס השי״ת זאגט איך וועל רעכענען אזוי ווי איר אליין וואלט זיך מקריב געווען. נאך שטייט אין די גמ׳ אז א יאר וואס מ׳בלאזט נישט אנפאנג יאר איז ח״ו דא שלעכט׳ס סוף יאר, ווייל דער שטן איז נישט געווארען צומישט.

**דער ״טורי זהב״ ברענגט** א חלום וואס ער האט געחלומט לויט די גמרא, אויפן פסוק בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך ה׳, פשט איז אז איר זאלט בלאזען שופר לפני המלך ה׳, לפני מיינט פאר די אויבעשטער וועט ח״ו שלעכטס טאהן.

**אין רמב״ם הלכות תשובה** שטייט די טעם פון בלאזן שופר איז ווייל דאס וועקט אויף די מענטש וואס פארגעסט דעם אמת בהבלי הזמן וכו׳ ווי מיר געפונען ביי מתן תורה האט מען אויך גענוצט די קול שופר צו דערציטערען די אידן, ווי ס׳שטייט טאקע ויירא העם ויניעו, אויך בלאזט מען וועגען דעם א קול פון געוויין און קרעכצען אז די מענטש זאל קומען צו בכיות אין ראש השנה.

**אין מדרש שטייט** אז אזוי ווי די קול פון שופר בלאזט מען אריין פון איין זייט און די קול קומט ארויס פון די אנדערע זייט, ווייל אויבעשטער זאגט ווען די מקטריגים קומען מיר זאגען די עבירות, גייט עס אריין פון איין זייט  פין די אויער און ס׳קומט ארויס פון די אנדערע זייט.

**אין מדרש שטייט** אויפ׳ן פסוק אשרי העם יודעי תרועה פרעגט די מדרש גוים קענען דען נישט בלאזען שופר פארוואס  רופט מען אן די אידן ״יודעי תרועה״ נאר זיי ווייסען וויאזוי איבערצובעטען זייער בורא מיט׳ן קול שופר.

**מנין התקיעות:** אין די משנה שטייט אז מ׳דארף בלאזען שלש של שלש שלש, ווייל אין די תורה געפונען מיר דריי מאהל שטיין די ווארט תרועה אין מ׳לערנט עס ארויס פון א גזירה שוה אויף ר״ה, און אויך געפונען מיר אז יעדע תרועה דארף האבען א תקיעה פון פארדעם און פון נאכדעם, ממילא האבען מיר א חשבון פון ניין תקיעות:

**תקנת ר׳ אבהו:** מן התורה איז גענוג אז מ׳בלאזט ניין תקיעות מיט דעם אלעם האט ר׳ אבהו מתקן געווען אז מ׳זאל בלאזען דרייסיג, ווייל ס׳איז געווען א ספק וואס די תורה האט געמיינט מיט די תרועה, צי דאס וואס מיר רופען תרועה, אדער וואס מיר רופען שברים, אדער דאס וואס מיר רופען שברים תרועה, ממילא דארף מען מאכען יעדע תרועה עקסטער דריי מאהל און א תקיעה פאר יעדע איינע און דערנאך, צוזאמען קומט אויס דרייסיג קולות.

**תקיעות דמיושב:** די תקיעות וואס מ׳בלאזט פאר שמונה עשרה, און דערפאר הייסט עס אזוי ווייל מ׳פלעגט דעמאלט זיצן בשעת׳ן בלאזען, און דערפאר בלאזט מען פאר שמו״ע און  נאך שמו״ע כדי צו פארמישן דעם שטן אז ער זאל מיינען אז מ׳האט שוין אפגעבלאזן און זאל אוועקגיין פון מקטרג זיין, אויך ווען ער זעהט מיט  וואס פאר א חביבות מ׳טוט  די מצוה ווערט ער שוואך.

מדור העובדות

**א שיינע סיפור אויף ראש השנה**

הרה"ח ר' משה אהרן פון פערליק האט דערציילט א חסיד וואס פלעגט פארן יעדן יאר צום חוזה מלובלין אויף ראש השנה. איין יאר ווען ער איז אנגעקומען צום רבין האט אים דער רבי אהיים געשיקט און געזעגנט זיך פון אים, דער חסיד האט זיך זייער דערשראקן ווייל אלע יארן פארט ער צום רבין און פארוואס שיקט אים דער רבי יעצט אהיים? און ער וועט שטארק פארזארגט אבער ער געזעגנט זיך פון רבין און פארט אהיים, אויפן וועג אהיים איז ער אריין אין א קרעטשמע וואס דארטן זענען געווען חסידים וואס זענען געפארן צום רבין פון לובלין. און ער גיסט אויס זיין הארץ פאר די חסידים, פארוואס דער רבי שיקט אים אהיים. די חסידים האבן זיך געזעצט צו א נאכטמאל מיט א חסידישע פארברענגען און זיי נעמען ארויס בראנפן און טרינקען לחיים מיט א ליבשאפט און ווינטשן דעם חסיד מיט א געזונטער יאר, און אין דער פרי רעדן זיי אים איין אז ער זאל מיט פארן מיט זיי צום רבין, און זיי וועלן שוין ממליץ זיין אויף אים פאר'ן רבין. און אזוי איז געווען. זיי קומען אן צום רבין און געבן שלום צום רבין און אויך דער חסיד גיט שלום און דער רבי זאגט אים גארנישט. און האט נישט קיין קפידא פארוואס ער איז צוריק. און פארקערט מען האט דארקענט אויפן רבין אז ער איז צופרידן אז דער חסיד איז צוריק געקומען אויף ראש השנה. און עס ווערט שטיל און דער הייליגער חוזה רופט זיך אן: יעצט איז מיר פארשטענדליך דער מדרש כשישראל יושבים ביחד ושותים לחיים הקב"ה מוחל להם את עוונותיהם ע"כ. זאגט דער רבי איך האב געזען ווי דינים זענען שורה אויף דעם חסיד און עס איז נגזר געווארן אויף אים, אז ער זאל אוועק גיין פון די וועלט די קומענדיגע יאר.און איך האב נישט געקענט מבטל זיין די גזירה. דעריבער האב איך אים געהייסן אהיים פארן, אבער יעצט זעה איך אז צוליב די חסידים וואס האט געזעצן מיט ליבשאפט און געטרונקען לחיים, האבן זיי ממתיק געווען די דינים פון דעם חסיד און די גזירה איז בטל געווארן. נאך דעם האט ממשיך געווען דער הייליגער חוזה: אז מען קען געבן א טעם צום מדרש פארוואס דורך לחיים איז דא מחילת עוונות. ווייל אין זכרינו לחיים וכו' איז דא 10 ווערטער, ווייל אלקים חיים איז אייןווארט באמת. וואס דער אויבערשטער איז אלקים חיים אויף אייביג. קומט אויס אז די ווערטער זכרינו לחיים וכו' איז אנקעגן די עשרת ימי תשובה, און דער לעצטער ווארט אלקים חיים גייט ארויף אויף יום כיפור, וואס דאס איז א יום סליחה ומחילה. און אלקים איז בגימט' פ"ו כמנין כו"ס, איז דורך טרינקען לחיים איז דא סליחה ומחילה אזוי ווי ביי יום כיפור ע"כ דברי החוזה מלובלין. דער זעלבער ענין ווערט אויך געברענגט אין ספר שבחי צדיקים בשם הרה"ק ר' יהודה צבי מראזדיל זיע"א צו מפרש זיין די מדרש, און ער שטעלט צו אויך דעם ענין פון כו"ס וואס דאס איז גורם צו מחילת עוונות, אזוי ווי ביי יום כיפור. (ספר סיפורי צדיקים)

## מדור העובדות — סיפור נחמד לשבת שובה

### דעם הַבֵן יַקִיר לִי אֶפְרַיִם האט צוריק געברענגט א נשמה צוריק צום שורש

דער הייליגער צדיק ר' דוד מטאלנא, זון פון היילגן מגיד פון טשערנאביל זצוק"ל, און מחבר פון די ספרים ברכת דוד, מגן דוד און קהלת דוד, האט געהאט א חסיד ר' יענקל, מיטן גאנצן ברען, אויך א זעלטענער בעל תפילה, מיט א גוטע שטימע און ער האט געהאט א כח אז אפילו א פארשטיינערטער הארץ האט ער צוגאסן, און האט מיט זיין דאווענען אנגעווארעמט דעם עולם. און ווען עס איז געקומען די הייליגע טעג ביים צדיק ר' דוד און עס איז געקומען א גרויסער עולם זיין ביים צדיק, זענען געווען די תפילות פון ר' יענקל א העכערע עבודה פון השתפכות

הנפש.

ר' יענקל האט געהאט א זון משה וואס האט געהאט א זעלטענע שטימע און ער האט געהאלפן זיין טאטן זינגען אפאר שטיקלאך אין דאווענען, אבער איין טאג האט ר' יענקל באקומען א לונגן אנצינדונג און געווארן זייער שוואך און האט כסדר געחזנ'ט דעם שטיקל פון הֲבֵן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם און זיין קליין משה'לע האט דאס גוט איינגעחזר'ט. לא עלינו איז ר' יענקל נפטר געווארן יונג. און משה איז געווארן א יתום און אנגעהויבן מאכן קונסן, און זיין מאמע האט אים פרובירט צו זאגן מוסר אבער ער האט זיך אויס געלאכט. מען האט גענומען א נייעם חזן אויף ימים נוראים וואס ער איז געווען זייער נאנט מיט ר' יענקל, און מען האט אים געבעטן ער זאל אכטונג געגעבן אויף דעם יונגן משה. אויף ר"ה האט דער חזן מיטגענומען משה אים צו העלפן, וועגן זיין זעלטענע שטימע.

דער חזן האט אויס געלערנט משה א נייעם ניגון אויף כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ פון דעם וּנְתַנֶּה תֹּקֶף און משה האט דאס גוט איינגעחזר'ט. ווען עס איז אנגעקומען די צייט צו זינגען דער נייע ניגון, האט דער חזן געווינקן פאר משה'ן אנצופאנגען דעם ניגון און דער עולם ווערט שטיל. משה האלט זיך שטאלץ אבער בטעות האט ער אנגעהויבן דעם ניגון פון הֲבֵן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם וואס ער האט אזוי פיל געהערט ביי זיין טאטן. משה האט געזונגען און האט פארמאכט זיינע אויגן און ער האט געשוועבט אין א אנדער וועלט. דער חזן רעגט זיך, אבער דער רבי ר' דוד פון טאלנא האט געקוקט די גאנצע צייט אויף משה און ווען ער האט געענדיגט דעם ניגון האט דער רבי אים געהייסן אז ער זאל דאס זינגען נאכאמאל.

דאס מאל האט דער צדיק פון טאלנא זיך אויך פארטיפט אין דעם ניגון און זיך פאר'דביקות אין דעם, א וואונדער צום גאנצן עולם איז געווען, ווען דער רבי האט געוואונקען פאר משה דאס צו זינגען א דריטן מאל, דאס מאל האט זיך שוין געגאסן שוויים און טרערן פון צדיק און דער גאנצער עולם האט מיט געוויינט. דער ניגון האט אריין געברענגט א טיפן השתפכות הנפש און א העכערקייט ביי דעם גאנצן עולם. נאכן דאווענען האט דער רבי געדאנקט דעם יונגן משה'לע און אים געזאגט דער אויבערשטער זאל דיר העלפן אז פון דיין מויל זאל נאר ארויסגיין הייליגע ניגונים און זאלסט נישט ווערן פארכאפט.

משה'לע איז געווארן גערירט פון דעם סטענצי" און איז געווארן בעססער אין זיין אויפירונג. אבער ליידער די גאס דעמאלטס איז געווען פול מיט השכלה און עס איז געווען א שטארקע מלחמה צווישן די משכילים און די עהרליכע אידן און די משכילים האבן געלייגט א אויג אויף דעם משה'לע וויסנדיג אז ער האט א זעלטענע שטימע און אזוי וועט מען אים אויסלערנען זייערע ניגונים און ער וועט זיי מהנה זיין! די הויפט פון די משכילים פון זיין שטאט האט פארגעלייגט פאר משה'לע א גרויסע סומא געלט און כבוד וואס ער וועט באקומען, אויב ער וועט ווערן פון זייערע.

דער יונגער משה האט זיך געלאזט איינרעדן און געפאקט זיינע פעקלאך און זיך געזעגנט פון זיין צובראכענע מאמע. זי האט געוויינט און געבעטן ער זאל דאס נישט טאן און געזאגט פארשעם נישט דיין טאטן, אבער ער איז געשטאנען פעסט אין זיין החלטה און איז געגאנגען זיין וועג.

ער איז אנגעקומען אין דעם גרויסן שטאט און מען האט אים געברענגט צו די גרויסע חזנים וואס האבן זיך געטשאטשקעט מיט אים און בליץ שנעל איז זיין נאמען געווארן פארשפרייט אלץ א שטערן אין די וועלט פון חזנות ביי די משכילים. מען האט באשטימט א טאג וואס מען וועט מאכן א קאנצערט און משה וועט זיין דער זינגער. פון גאנצן שטאט האט מען געקומען זיך באקענען מיטן נייעם שטערן.

משה האט געוויזן א פנים פון צופרידנהייט אבער טיף טיף האט עפעס אינעווייניג פון אים ווי געטאן, זיין טאטע איז געקומען צו אים אפט אין חלום און געבעטן ער זאל זיך אפלאזן פון די משכילים און צוריק קערן צו זיין מאמע און צום צדיק פון טאלנא. און דאס האט אים זייער שטארק באנומען.

עס איז געקומען דעם טאג פון גרויסן קאנצערט און משה האט געהאט גרויס כבוד, ער האט גענומען טרינקען בראנפן יענעם טאג כדי צו פארגעסן די געבעט פון זיין טאטן און ער איז ארויף אויף די במה און די מוזיק האט אנגעפאנגען שפילן און מען שפילט און מען ווארט ביז משה וועט שוין אנפאנגען זיין ניגון. אבער משה זינקט זיך איין אין א טיפן טראכט און אנקוקן אים קומט צוריק זיינע טעג אין חדר און אויך ווען ער איז געווען ביים צדיק און געזונגען הֲבֵן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם, און אז דער רבי האט דאס באוואונדערט, און אויך די ברכה פון רבין עס זאל נאר ארויסגיין פון זיין מויל הייליגע ניגונים! עס ווערט אים שלעכט, אוי! וואו בין איך יעצט? טראכט משה'לע!

דער הויפט חזן גייט צו אים און וועקט אים פון זיין טיפע מחשבה און בעט אים ער זאל שוין אנפאנגן צו זינגען. משה'לע האט פארגעסן וואו ער איז יעצט און האט אנגעפאנגען דעם ניגון פון הֲבֵן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם, ער איז אין א אנדער וועלט, די מענטשן האבן געשריגן ער זאל שוין אויפהערן דעם ניגון אבער משה'לע האט געענדיגט זיין ניגון מיט רַחֵם אֲרַחֲמֶנּוּ נְאֻם ה'!

זיין איבערזעהער האט רחמנות געהאט אויף משה'לע און האט געזאגט ער זאל שנעל אנטלויפן אויב זיין לעבן איז ביי אים טייער איידער די מענטשן וועלן אים כאפן און גוט שלאגן. און משה'לע גייט פון א אונטערשטן טיר און אנטלויפט ווי שנעל ער קען, ער ווייסט נישט וואו ער לויפט אבער ער איז געלאפן פון שטאט און געגאנגען טעג און נעכט, געטראכט פון תשובה טאן און אזוי איז ער אנגעקומען אינמיטן שבת ביים די שלש סעודות טיש אין שטאט טאלנא מיט זיינע צוריסענע קליידער און איז געווען זייער הונגעריג. דער רבי האט אים געהייסן זיך וואשן און דערכאפן זיין הונגער. דער רבי האט אים געהייסן זינגען יעצט דעם הֲבֵן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם ווייל עס איז געווען שבת שובה, דער גאנצע עולם האט געוויינט און געכאפט א התעוררות פון תשובה, דער רבי האט מקרב געווען משה און ער איז געווארן צוריק א עהרליכן איד.

## הילולא קדישא מרן אור ישראל מסטאלין זצוק"ל ב' דר"ה תרפ"ב

דעם צווייטן טאג ראש השנה איז די יום הילולא פון הרה"צ ר' ישראל מסטאלין זיע"א בן הרה"ק ר' אשר זצוק"ל, בן הרה"ק ר' אהרן מקארלין דעם בית אהרן זיע"א בן הרה"ק ר' אשר דער גרויסער סטאלינער, בן הרה"ק ר' אהרן הגדול מקארלין זיע"א. אין קארלין סטאלין מען רופט אים דער פראנקפורטער, ווייל זיין מקום מנוחה איז אין שטאט פראנקפורט, די וועלט רופט אים די ינוקא. ער איז געבוירן י' כסלו שנת תרכ"ט. ער איז געווען זייער א באהאלטענער אז די וועלט האט אים בכלל נישט פארשטאנען אבער זיינע חסידים און צדיקים בכלל, האבן געוואוסט זיין גדלות סיי אין תורה און סיי אין עבודת השם און זיינע אפענע אויגן. און ווען זיין הייליגער טאטע איז נסתלק געווארן ט"ו אב תרל"ג איז ער געווען 4 מיט א האלב יאר, די זקני החסידים האבן אים געקרוינט אלץ ממשיך פון דעם הייליגן קייט פון אדמור"י סטאלין קארלין. זיין זון ר' יוחנן מסטאלין זצוק"ל האט געזאגט אז דער טאטע איז קיינמאל נישט געווען א קינד, הרה"ח ר' מענדל צייליגנאלד ז"ל - פון מלינוב, אליק, א"י -האט דערציילט אז ווען דער פראנקפורטער איז געווען מיט זיין הייליגן טאטן הרה"ק ר' אשר זצ"ל אין מלינוב ביים ערשטן יארצייט דעם הייליגן בית אהרן טו"ב סיון -תרל"ג- רופט זיך אן דער פרנקפורטער ז"ל וואס איז געווען 4 יאר אלט "אט שטייט דא דער זיידאלע", האט דער יונגער רבי געזאגט: "שא שא רעד נישט".

## געדענקט פשט אין זוהר

ווען דער פרנקפורטער איז שוין געווארן עלטער איז נאך געווען א איד וואס האט געהאט ספיקות אין אים. האט ער געהאט א שווערן זוהר האט ער מחליט געווען ער וועט פרעגן דער רבי ז"ל פשט אין זוהר, ווען ער קומט און פרעגט, שרייט אים אן דער רבי ז"ל: האסט א פארשטאפטער קאפ, האסט שוין געפרעגט דעם זיידן ווען ער האט אונז געהאלטן און אזוי האט ער דיר געענטפערט פשט, דער איד האט איבער געבעטן דעם רבי ז"לאון איז געווארן א חסיד. [דער רבי איז געווען אלט וויניגער פון 2 מיט א האלב יאר.!!!!]  ער האט געזאגט אז דער וועלט ווייסט נישט ווער זענען אונזערע קינדער וועלן מיר זיי דערציילן, און ער האט געהאט 6 זין און 4 איידעמער צדיקים, און דער הייליגער חדר ציט זיך נאך היינט מיט חשובע חסידים וואס גייען בדרכו מיט אמונה פשוטה, אזוי ווי דער היילגער בית אהרן האט געזאגט א חסיד דארף זאגן "מיין רבי איז דער קלענסטער רבי אבער פאר מיר איז ער גענוג גרוים", אויך האט ער געזאגט א חסיד איז "איך בין א נער און איך גלייב" זיע"א.

## געשטעלט א בחור אויף די פיס

דער הייליגער רבי ז"ל זיע"א האט זייער מקרב געווען דעם יוגנט: עס איז געווען א עלטערע בחור וואס האט געהאט א טיש אינדרויסן פון שול און פלעגט פארקויפן תשמישי קדושה וכדומה. איין מאל גייט אריבער דער רבי ז"ל און קויפט ביים אים א גארטל און לייגט אראפ 20 רובל וואס איז געווען א גרויסע מטבע, און דער בחור וויל געבן צו פארשטיין דעם רבין אז דאס איז צו פיל געלט, אבער דער רבי איז שוין אריין אין שול, און דער בחור ווארט ביז דער רבי וועט ארויס גיין פון שול, און ווען ער זעט דער רבין ארויס גיין פון שול לויפט ער צום רבין און וויל אים צוריק געבען די 20 רובל, פרעגט אים דער הייליגער רבין ז"ל צו ער האט

שוין געלייגט תפילין היינט? ענטפערט ער אים, ניין! און ער לייגט צו אז פון די בר מצוה האט ער נישט געלייגט תפילין, פרעגט אים דער רבי צו ער וויל גיין מיט אים אויף א שפאנציר? און ער איז מסכים. און אינמיטן וועג ווען זיי רעדן פון אלע וועלטלעכע זאכן פרעגט אים דער רבי אויף זיין מצב אין אידישקייט! און ער ענטפערט: עס איז זייער שוואך. פרעגט אים דער רבי פארוואס ער לייגט נישט תפילין? ענטפערט ער ווייל ער האט פשוט נישט קיין געלט צו קויפן תפילין! און ווייל ער איז א יתום האט מען אים נישט געקויפט תפילין ביי זיין בר מצוה, און דער רבי רעדט מיט אים ווייטער און ציט זיין הארץ צו קדושה, ביז דער בחור צו וויינט זיך: רבי! איך וויל תשובה טאן! אבער ווי וועל איך באקומען תפילין, האט דער רבי אים געענטפערט אז דו האסט באקומען פון מיר 20 רובל גיי מיט דעם צום סופר און ער וועט דיר געבן א מהודרדיגער פָּאר תפילין. און אזוי האט ער געטאן ווי ער האט צוגעזאגט, און דער בחור איז געווארן א ערליכער איד.

### דער קארלינער רב ר' דוד פרידמן זצ"ל האט אמונה אין רבי

הרה"צ ר' אברהם אלימלך מקארלין זי"ע דער פינפטן זון פון זיין טאטע מרן אור ישראל -נהרג עקה"ש י"ד חשון הי"ד- האט דערציילט אז הגאון ר' דוד פרידמן זצ"ל אב"ד קארלין, -מחבר ספרי שו"ת שאלת דוד און פסקי הלכות על אבן העזר ועוד- איז געווען בידידות מיטן רבי, און דער גאון האט דער רבי זייער שטארק מכבד געווען, איינמאל איז דער גאון קראנק געווארן און מען האט געשיקט רופן א גרויסן פראפעסאר פון ווארשא וואס די הוצאות פאר ברענגען דעם דאקטאר איז געווען גאר גרויס, דער דאקטער האט באטראכט ר' דוד און האט געזען אז דער גאון איז בגדר פון סכנות נפשות און ער האט געהייסן טרינקען אסאך אבער שטרענג אנגעזאגט אים נישט לאזן טרינקען קיין שום שארפע זאכן וואס האט אין זיך אלכוהול, אין יענע צייט איז געווען א חסיד ר' יוסף דוד ז"ל פון שטאט טעליחאן -נישט ווייט פון קארלין- וואס ער איז געווען ביים רבי'ן, און דער רבי האט אים געבעטן אז ער זאל פארן צום גאון ר' דוד און אים איבערגעבן א גרים פון אים און אז ער שיקט אים א פלאש וויין וואס ער זאל טרינקען, ווען ער איז אנגעקומען צום גאון, האט ער געטראפן די קינדער וואס זענען זיך מייעץ מיט'ן פראפעסאר, און ווען ר' יוסף דוד איז אריינגעקומען האט מען אים נישט געוואלט אריינלאזן צום גאון אבער דער גאון האט געפערעגט ווער איז געקומען האט מען געזאגט א איד וויל איבערגעגעבן א גרים פון זיין רבי'ן פון סטאלין, האט דער גאון אים געבעטן אריין צוקומען, און ער האט איבערגעגעבן פאר'ן גאון דעם גרים פון רבין און אויך אז דער רבי שיקט אים די פלאש וויין, און דער גאון האט דעם חסיד געבעטן אז ער זאל אים אנגיסן פון דעם וויין, ווען די קינדער האבן דאס געהערט זענען זיי אריין געגאנגען און געבעטן אז ער זאל דאס נישט טרינקען, ווייל דאס איז סכנת נפשות פאר אים. האט דער גאון זיי מבטיח געווען אז עס וועט גארנישט געשעהן און ער האט זיי געזאגט אויב דער רבי האט מיר געשיקט אז איך זאל דאס טרינקען וועט מיר גארנישט שאטן. און ער האט געמאכט א ברכה און געטרונקען פון די וויין וואס דער רבי האט אים געשיקט. האט אויסגעפירט דער הייליגער קארלינער ר' אברהם אלימלך זיע"א "אז דאס איז אפגערעדט אז דער רב האט באקומען א רפואה!! און דאס איז נישט קיין חידוש ווייל די אמונה וואס דער גאון האט געהאט אז די וויין וועט אים אויסהיילן, האט טאקע געהאלפן, אבער דער גרעסטער חידוש איז: אז אזא גרויסער גדול זאל האבן אזא אמונה פשוטה אין טאטן."זיע"א

### דער רבי ראטעוועט זיין הויז פון א שריפה

הרה"ח ר' אפרים יוסף פון פלאטניצא איז אמאל געווען אין סטאלין און איז געשטאנען לעבן רבי ז"ל און דער רבי ז"ל דרייט זיך אויס צו אפרים יוסף און נעמט זיין זיידענע גארטל און נעמט רייבן די האלדז פון ר' אפרים יוסף אהין און צוריק מיטן גארטל, ר' אפרים יוסף זאגט אויף א איידעלער אופן, "רבי עס ברענט"! ענטפערט אים דער רבי ז"ל: אפרים יוסף האב נישט מורא ביי דיר וועט נישט ברענען! פונקט דעמאלטס האט זיך אויסגעבראכן א שריפה אין שטאט פלאטניצא און דער הויז פון ר' אפרים יוסף איז געווען אין וועג פון די פייער, און פונקט ביי זיין הויז האט דער פייער זיך אפגעשטעלט! שפעטער האט ר' אפרים יוסף פארשטאנען וואס פאר א טובה דער רבי ז"ל האט אים געטאן מיטן גארטל אז ער איז אפגעקומען מיט די ברענען אויפן האלדז און נישט מיט ברענען זיין הויז, ר' אפרים יוסף פלעגט שטענדיג דערציילן די מעשה ווי ווייט דער רבי ז"ל האט געזען.

**א מליץ יושר** ווען א פוילישער חסיד האט געהערט די וואונדערליכע זאכן פון א יונגן רבי וואס מען האט מכתיר געווען באדמורו"ת, האט ער דאס געוואלט זען מיט זיין אייגענע אויגן, און איז געפארן צו סטאלין אויף ראש השנה, פארן דאווענען האט דער חסיד געזען ווי דער רבי מאכט א שפיל פון א שופט. און ווען דאס האט זיך געענדיגט, פרעגט דער רבי פאר זיך אליין, און וואס וועלן מיר זיין? האט ער זיך געגעבן א רוף אן: מיר וועלן זיין די סניגור, און ער איז גלייך אריין געגאנגען דאווענען.

### דו האסט שוין קינדער!

עס איז געווען א אלמנה וואס האט נישט זוכה געווען צו קינדער, און איר ערשטער מאן איז געווען א חסיד פון דעם בית אהרן און פון ר' אשר דער יונגער רבי. זי האט חתונה געהאט נאכאמאל מיט איינעם וואס האט שוין געהאט קינדער, אבער זי האט ווייטער נישט זוכה געווען צו האבן קינדער, האט זי געזאגט צו איר מאן וואס איז נישט געווען פון די חסידים, אז ער זאל פארן צום בית אהרן און בעטן א ברכה. אינצווישן איז דער בית אהרן מיטן

# ראש השנה תשפ"ז

יונגער רבי שוין געווען אויפן עולם האמת, האט מען אים געזאגט אז עס איז דא א נייע רבי, האט ער מסכים געווען אריין גיין צו אים, קומט ער צו זיין שטוב און די מאמע די יונגע רביצין פרעגט וואס ער דארף? און דערציילט איר, גייט זי פרעגן איר זון צו מען קען אריין גיין צו אים? האט ער מסכים געווען, ווען דער איד קומט אריין פרעגט די רבי ז"ל: פארוואס ביזטו געקומען? ענטפערט ער, ער וויל האבן קינדער, שרייט אים אן דער רבי ז"ל: דו האסט שוין קינדער, און איז אוועק געגאנגען, דער איד ווייסט נישט וואס צו טאן און גייט אהיים, דערציילט ער פאר זיין ווייב וואס דא איז געשען, האט זי שוין פארשטאנען אז דער רבי האט געזען אז ער האט שוין געהאט קינדער, און ער וואלט געדארפט בעטן פאר זיין ווייב אז זי זאל האבן קינדער, איז ער צוריק קיין סטאלין און גייט אריין צום רבין וואס ווינטשט אים אן מיט א טאכטער, און כך הוה זיי האבן זוכה געווען צו איין טאכטער.

### אחרית ימיו

די יארן פון לויפן קיין קיוב און שרעק און די מצב פון די אידן פון סטאלין וואס האבן שטארק געליטן פון די פאגראמען דעמאלטס, האט געשאט די געזונט פון רבין און האט געליטן אויף עטליכע מחלות, אין זומער תרפ"א האט דער רבי באקומען א לונג אנצינדונג וואס היינט איז דא גענוג רפואות פארדעם, און די עסקנים האבן געארבעט צו באקומען מעדעצינן אבער זיי האבן נישט געקענט באקומען און מען האט געפירט דעם רבין קיין דייטשלאנד צו די גרויסע דאקטוירים, אבער דער מצב איז געווארן ערגער און מען האט געשיקט דעם רבין אין א שפיטאל אין באדען נוהיים, און אין דעם צווייטן טאג ר"ה תרפ"ב איז דער רבי נסתלק געווארן במעמד פון אפאר קינדער און חסידים, מען האט געלייגט דעם רבין אין פראנקפורט כמנהג רבותינו צו באערדיגן נאנט צו וואו מען איז נפטר געווארן.

אין דעם בית החיים וואס איז געווען אין מיטן שטאט ליגט אויך הגאון הצדיק ר' שמשון רפאל הירש זצ"ל, און מיט נסים איז די בית החיים געבליבן גאנץ אפילן מען האט באמבערדירט אין מיטן שטאט, און נאר איין קליין שטיקל פון די וואנט איז צובראכן געווארן, זיין ציון איז א פלאץ וואו עס גיסט זיך ישועות, אין דער זכות פון צדיק זאל מגין זיין פאר אונז אלע, פאר ישועות תמידית.


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

מכתב חתום מישיבת קאמינעץ תש"ט חתום ע"י הגאון ר' ראובן גרוזובסקי והגאון ר' נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 מגן אבות קאפוסט דפוס ראשון $1500 ספר דרושים יקרים מהרה"ק ר' שלמה זלמן מקאפוסט $400, פסק דין עם חתימת הגאון ר' יוסף ענגיל $7500 ייטב פנים דפו"ר חלק ב $600 זוהר דפוס סלאוויטא ר' משה $18000 ספר צמח ה' לצבי דפו"ר יש דף הוספה $2800, רגל ישרה בני יששכר $1800 סעט משניות טשערנאוויץ ת"ר תר"ו $2500, שו"ת הרי"ם דפו"ר עם חו"מ מצב מפואר שייך למשפחת החידושי הרי"ם $2500 ספר צמח צדיק ויזניץ דפו"ר $1200 ספר אמרי ברוך ויזניץ דפו"ר $900 ספר אהבת ישראל וויזניץ דפו"ר $700, ספר עבודת יששכר וואלברוז דפו"ר $1000 הגדה פרי חיים שהשתמש בו בעל חלקת יהושע מביאלא $3000 ספר טורי אבן דפוס ראשון עם חתימת הגאון רב שמעון לאנגסאם בעל שלמי רגלים על חגיגה אבד מעליץ $1500 ספר מקצוע בתורה להגאון מפלאצק דפו"ר עם חתימה וחותמת הרה"ק ר' משה ירוחם מארגנשטערן בנו של הרה"ק ר' מנחם מענדל מקאצק זצוק"ל $2000 ספר פרשת דרכים דפוס ראשון עם חתימת והגהות הגאון רב שלמה חכים בעל מלאכת שלמה שאלוניקי תרכ"ג וגם חתימת נכדו ר' דוד חכים $1000 סעט ערבי נחל שבירך ונתן הרה"ק מטאהש זצוק"ל לבחור שנבחן על סוגיא בש"ס עם אישור $800 זמירות שבת שבירך ונתן הרה"ק בעל מאור ישראל מסקולען תשע"ט לתומך $750, איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת וחותמת הר' עזריאל הילדסהיימער $650 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' חיים יעקב ב"ר יהודה דוב פיינשטיין שהיה שד"ר מצפת $600 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' אברהם יצחק וויינבערגער מקליינווארדיין ובניו ותלמידו ר' צבי הירש בלום $700 ישמח משה שייך להרה"ק מטאש עם כתב ידו מעיר טאש עם אישור $10000 גמ' שלמד בו הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק $2500 דפו"ר קדושת לוי מהדורא תנינא תקס"ו חסר השער ו6 דפים $4500 ספר מעבר יבוק זיטאמיר $2000 מכתב הרה"ק ר' מנחם מנדל מפביאניץ הי"ד $1500 מכתב המנחת אלעזר עם ראשי הקהל לחתונת בתו עם ברכתו $8000, מכתב ארוך שנת תש"ז מאגודת ישראל ארה"ב מבקשים עזרה מאגודת ישראל לונדון עזרה חותמים אדמו"ר מבלאזוב, ר' אלי' מאיר בלאך, ר' שמעון שוואב, אלימלך טרעם ור' הענדעלס $3800 מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא $1800 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $3000 כל אחד, ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2000 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2000 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $3000 ~ **718 - 438 - 8414** ~ 4403 - 16 Ave Brooklyn**, NY 11204 USA**

**718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. website *www.seforimworld.com.***

דער קומענדיגע גליון וועט זיין אויף פרשת בראשית הבעל"ט א כתיבה וחתימה טובה